STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03240

BRIV VEGN DER MEKSIKANER YIDISHER STUDENTNSHAFT

Salomon Kahan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאלאָמאָן קאהאן

בריוו וועגן דער מעקסיקאַנער יידישער סטודענטנשאַפט

מעקסיקע ד. פ. — 1953

Solomon Kahan
Monte de Oca 17, ap. 5
Mexico 11, D.F.
Mexico

די „בריוו” זיינען פריער דערשינען, ווי אַ סעריע אַרטיקלען,
אין דער מעקסיקאַנער יידישער צייטונג „די שטימע”.

צו דער קולטור־קאָמיסיע

פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט,

דאָהי.

זייער חשובע פריינט!

נאָכדעם, ווי איך האָב געהאַט פאַרטראַכט אָט די „בריוו", האָב איך אויך געמוזט אַ טראַכט טאָן וועגן אַן אַדרעסאַט; צו וועמען זאָלן זיי קאָנקרעט זיין געווענדט. פון דעם ערשטן, ווי אויך פון די ווייטערדיקע „בריוו", וועט איר זען, אַז ס׳האַנדלט זיך אין זיי נישט וועגן אַבס־טראַקטע מעדיטאַציעס, נאָר טאַקע וועגן זייער קאָנקרעטע סיטואַציעס און אָריענטירונגען, וואָס זייער רעאַליזירונג קען דורכגעפירט ווערן בלויז דורך אַן אָרגאַניזירטער גע־זעלשאַפטלעכער קערפערשאַפט.

זוכנדיק אַזאַ מין אָרגאַניזם, האָב איך אויסגעפונען, אַז דער פאַסיקסטער אַדרעסאַט פאַר מיינע „בריוו" זענט איר, די גרופע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער, וואָס שטעלט צוזאַמען די קולטור־קאָמיסיע פון היגן יידישן צענטראַל־קאָ־מיטעט.

בעט איך אייך זייער, חשובע פריינט, זיך צו נעמען די מי דורכצולייענען מיינע עטלעכע „בריוו" און זיך אַריינ־צוטראַכטן אין דער וויכטיקער ראָלע, וואָס דער קולטור־קאָמיסיע קען אויסקומען צו שפילן ביי דער עווענטועלער לייזונג פון דער פראָבלעם, וואָס איך וועל אין זיי באַרירן.

מיט קולטור־גרוס.—סאלאָמאָן קאהאָן.

ערשטער בריוו

עטלעכע גרונט-הנחות

זייער חשובע פריינט!

יעדער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזם, אויף וויפל ער ווירקט זיך אויס אין זיין סביבה פּאָזיטיוו, מוז האָבן געוויסע אידייאַישע גרונט־באַזעס, וואָס אויף זיי איז געבויט זיין קאָנקרעטע, פּראַקטישע טעטיקייט.

לאָמיר זשע וואַרפן אַ בליק אויף די אידייאישע באַזעס, וואָס, לויט ווי איך זע זיי פון מיין קוק-ווינקל, כאַראַקטעריזירן זיי אייער אַרבעט, ווי אַ געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפט אינם יידישן מעקסיקע.

די קולטור־קאָמיסיע אָנערקענט דעם פאַקט, אַז אונדזער ישוב, כאָטש ער איז אַן אָרגאַנישער טייל פון יידישן וועלט־פאָלק, און איז, ווי אַזעלכער, ענג פאַרבונדן אויף אַלערליי אופנים מיט ישראל, ווי אויך מיט אַלע תפוצות, — האָט ער זיך אָבער אין די עטלעכע און דרייסיק יאָר פון זיין עקזיס־טענץ, ווי אַן אָרגאַניזירטער קיבוץ, אָנגענומען אין אַ סך פּר־טים אַ לעבנס-גאַנג און פאָרמען, וואָס זענען ספּעציפיש בלויז פאַר אים. מיט דעם וויל איך זאָגן, אַז אויף דער יידישער

וועלט־מאַפּע עקזיסטירט שוין אַ פּונקט, וואָס הייסט מעקסיקאַ־נער יידנטום, נישט בלויז פון ריין געאָגראַפישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון קוק־ווינקל פון געוויסע זיינע אייגנטימלעכע, בלויז פאַר אים כאַראַקטעריסטישע שטריכן („אידיאָסינקראַ־סיאַ" וואָלטן מיר עס אָנגערופן אין שפּאַניש).

אַנדערש פאָרמולירט, מיינט עס, אַז אונדזער ישוב איז נישט נאָר אַן אַריפמעטישע סומע פון יידן אין מעקסיקע, נאָר טאַקע אויך — און הויפּטזאַכלעך — אַ קאָלעקטיוו פון מעק־סיקאַנער יידן, מיט אַ גייסטיק־אויטאָנאָמען סטאַטוס און מיט ספּעציפישע פּראָבלעמען׳ וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן פון דעם אייגנאַרטיקן יידיש־מעקסיקאַנער באָדן, און וואָס בלויז ער, דער יידיש־מעקסיקאַנער ישוב, קען זיי לייזן, באַנוצנדיק מיטלען, וואָס בלויז די ווירקלעכקייט פון היגן יידישן לעבן דיקטירט.

די צווייטע גרונט־הנחה, וואָס איז, גלויב איך, אַן אידייאַי־שער אָנשפּאַר־פּונקט פאַר דער טעטיקייט פון דער קולטור־קאָ־מיסיע, איז: אויב פון איין זייט דאַרף אונדזער ישובס אָרגאַ־ניזירטער ביישטראָג צו שטיצן און קאָנסאָלידירן דעם גרעסטן און ליבטיקסטן פאַקט אין אונדזער היסטאָרישן לעבן ווי אַ פאָלק: מדינת־ישראל, זיין וואָס אַ מאָל גרעסער און אינטענ־סיווער, — מוז אָבער גלייכצייטיק אונטערשטראָכן ווערן דער אַנדערער פאַקט: אַז כאָטש איינצל־פּערזאָנען און פאַרשידענע חלוצים־גרופּן וועלן יאָר־איין, יאָר־אויס עולה זיין קיין ישראל, וועט אָבער אונדזער ישוב, ווי אַזעלכער, בלייבן דאָ אין לאַנד.

פון דעם קומט, ווי אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ, אַ ווייטערדי־קע גרונט־הנחה:

דער מעקסיקאַנער יידישער ישוב, וועלנדיק ציען דעם גאָל־דענעם פאָדעם פון גייסטיק־אינהאַלטלעכן יידישן לעבן, מוז זוכן

וועגן און מיטלען אויפצוהאַלטן יידישע אייגנאַרטיקייט אין די ספּעציפישע באַדינגונגען, וואָס די עטלעכע און דרייסיק יאָר פון זיין היסטאָרישער עקזיסטענץ, ווי אַן אָרגאַניזירטער קיבוץ אויפן מעקסיקאַנער באָדן, האָבן פאַר אים געשאַפן.

קומט איצט די פערטע גרונט־הנחה:

דער אימיגראַנטישער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון אונדזער ישוב איז אַן אָפּגעשלאָסענער קאַפּיטל. דאָס הייסט, אַז דער נייער יידיש־מעקסיקאַנער דור איז אַ דאָהי געבוירענער און אויסגעוואַקסנער. די געאָגראַפישע, אַזוי צו זאָגן, פּייזאַזשן פון אונדזער, דעם עלטערן דורס אַלטער היים, זענען אים פרעמד, סיי וואָס שייך דער אויסערלעכקייט, און נאָכמער, וואָס שייך דעם מענטשלעכן פּייזאַזש.

אָט דער נייער דור קען זיך נישט אויסלעבן גייסטיק מיט אונדזער אייגענער, אימיגראַנטישער נאָסטאַלגיע נאָך דעם, „וואָס געווען, איז געווען און נישטאָ". אַלץ, וואָס מיר האַלטן פאַר גרונטזעצלעך פאַר יידיש קולטור־לעבן, סיי אין דער פאָרם פון ישראל־אינספּיראַציע, און סיי וואָס שייך אונדזער גרויסער מזרח־אייראָפּעאישער ירושה, — מוז אים צוגעטראָגן ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז, נישט אַרויסרופנדיק קיין קאָנפליקטן אין דער פאָרמירונג פון זיין גייסטיקער פּערזענלעכקייט, זאָל עס אָרגאַניש זיך אַריינוואַקסן אין זיין יידישן „איך".

קומען מיר אַזוי אַרום צו דער פינפטער גרונט־הנחה:

די קולטור־קאָמיסיע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, פּרעזענטירנדיק צו זיין אַ רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציע, קען נישט אין זינען האָבן בלויז די יידישע קולטור־אינטערעסן פון דעם אימיגראַנטישן דור, און אויך ווייטער שטיין מיטן רוקן צו דעם ישובים צוקונפט, וואָס ס'איז דער יונגער, שוין דאָהי

געבוירענער און אויסגעוואקסענער דור. זי קען נישט פארמאכן די אויגן אויף דעם פאקט, אז דער רוב בנין ומנין פון דעם ערשטן, אימיגראַנטישן דור, איז איצט אַלט צווישן פופציק און זעכציק יאָר, נענטער צו די זעכציקער. דאָס הייסט, אז ס'איז איצט די ריכטיקע צייט פאַר די, וואָס זענען געווען די פיאָנערן און בויער פון יידישן קולטור־לעבן דאָהי, זיך ערנסט צו פארטראכטן וועגן דער נויטווענדיקייט באַצייטנס צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר קולטור־המשך.

איז טאַקע איצט, דעריבער, אויך די ריכטיקע צייט, אז די קולטור־קאָמיסיע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט זאָל צוטרעטן צו דער גרינדונג פון אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט קולטור־אַרבעט צווישן דער הי געבוירענער און אויפגעוואַקסענער יוגנט.

די שאַפונג פון אַ ספּעציעלן יוגנט־דעפּאַרטמענט ביי דער קולטור־קאָמיסיע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, איז, פון שטאַנדפּונקט פון פאַרזיכערן פאַרן ישוב אַ יידישע קולטור־צו־קונפט, דער געבאָט פון דער שעה.

אַ פאַרנאַכלעסיקטע פּראָבלעם

זייער חשובע פריינט!

לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע אַריבערטראָגן, אין געדאַנק, קיין וואַרשע, אין די עיר ואם בישראל פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

יידיש לעבן האָט דאָרט געשפּרודעלט. יידישע קולטור־אַט־מאָספערע איז געווען איינער פון די קענצייכנס פון יידיש לעבן דאָרט. מיטן אויסנאַם פון די אויסגעשפּראָכן אַסימילאַטאָרישע קרייזן, איז יידיש געווען אומעטום די שפּראַך, וואָס דער אויפוואַקסנדקער דור האָט געהערט אין דער יידישער היים, און וואָס איז אים געווען איינגעבאַקן אין האַרצן, אפילו ווען ער האָט אין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט גאַנץ אָפט באַנוצט פּויליש, ווי אַן אויסדרוקס־מיטל.

יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי אויך דאָס יידיש בוך, זענען דעם יונגן דור נישט פרעמד געווען. אין יידישן טעאַטער איז ער געווען אַ באַזוכער, און אויף אונטערנעמונגען, אויף וועלכע יידישע קונסט האָט זיך מאַניפעסטירט אין וועלכער ס'איז פון אירע פאָרמען, האָט מען אים געקענט באַגע־

געגען; און זיין אַנטייל פּלעגט גאַנץ אָפט זיין אַן ענטוזיאַסטי־שער. ער פּלעגט זיין איינער פון די אָנשפּאַר־פּונקטן פון דעם יידישן אינטעלעקטואַל אָדער קינסטלער.

איז ווען ער, דער יידישער יוגנטלעכער, פּלעגט ווערן אַ סטודענט, אַריינטרעטנדיק אין דעם מלוכהשן אוניווערזיטעט אָדער אין אַן אַנדער אָרטיקער הויך־שול פון אַקאַדעמיש־אוני־ווערזיטעטישן ניוואָ, פּלעגט ער אַהין אַריינקומען באַוואָפנט מיט אַ סאָלידן יידישן קולטור־באַגאַזש, און במילא מיט אַ שטאַר־קער פעיקייט זיך קעגנצושטעלן יעדן נאַטירלעכן פּרווו אים קולטורעל צו אַבסאָרבירן, מצד דער פּ ו י ל י ש ע ר קול־טור־אַטמאָספערע, וואָס ס'האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אַקאַ־דעמישע וועלט, אין וועלכער ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן זיינע סטודענטישע יאָרן.

נישט געקוקט אָבער דערויף, וואָס די יידישע סטודענטנ־שאַפט אין וואַרשע פּלעגט אַריבערטרעטן דעם שוועל פון דער נישט־יידישער אַקאַדעמישער וועלט, זייענדיק אין איר ווייט גרעסטן טייל, זייער גוט צוגעגרייט צו געבן אַ גייסטיקן ווי־דערשטאַנד צו די נאַטירלעכע טענדענצן פון קולטורעלער אַרומ־וויקלונג און אַבסאָרבירונג מצד די פּוילישע „ווישעכניצעס", — איז דער עווענטועלער שיקזאַל דאָרט פון דעם יידישן סטו־דענט, שטענדיק געווען איינע פון די גרויסע זאָרגן פון דער וואַרשעווער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דער ענין יידישע סטודענטשאַפט איז קיינמאָל נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדנונג אין דער מיט יידישקייט פיר און צוואַנציק שעה אַ טאָג אָטמענדיקער וואַרשע פון יענער צייט.

גרויסע אָנשטרענגונגען זענען כסדר געמאַכט געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער און ענגער צו פאַרבינדן דעם יידישן סטו־

דענט (וועלכער איז לכתחילה געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער יידישער קולטור־וועלט), מיט די פֿאַרשידענע אַספּעקטן פֿון יידישן לעבן, און אים אין זיי צו אַקטיוויזירן. עס האָבן זיך מיטן יידישן סטודענט אינטערעסירט די פֿאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען; עס האָבן אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט אים די אָנפירער און באַאיינפלוסער פֿון יידישן גייסטיקן לעבן דאָרט. נאָך אין זיינע סטודענטישן יאָרן איז דער צוקונפטיקער יידישער פּראָפעסיאָנאַל אָדער אינטעלעקטואַל אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם פּראָבלעמען־קרייז, וואָס די יידישע הארטע, קאָנקרעסיע ווירקלעכקייט האָט נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין שאַפֿן.

דעם העכסטן אויסדרוק פֿון דער זאָרג פֿון דער וואַרשעווער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט וועגן דער דאָרטיקער יידישער סטודענטשאַפֿט, איז געווען די „יידישע אַקאַדעמישע היים", וואָס האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט, אויסגעהאַלטן דורך דער וואַרשעווער יידישער קהילה און סובסידירט דורך וואַרשעווער יידישע קולטור־מעצענאַטן.

קיין איין היסטאָריקער פֿון דעם יידישן גייסטיקן לעבן אין וואַרשע צווישן די צוויי וועלט מלחמות, וועט נישט קענען פֿאַרבייגיין גלייכגילטיק די יאָרן פֿון שפּרודלדיקער יידישער קולטור־טעטיקייט, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער „יידישער אַקאַדעמישער היים" און האָט פֿון דאָרטן אויסגעשטראַלט אין פֿאַרשידענע ריכטונגען.

אַזוי איז די יידישע וואַרשע געווען אויף דער וואך וואָס שייך איר יידישער סטודענטשאַפֿט, און איז געווען אומדערמידלעך אין אירע באַמיאונגען, אַז דער קאָנטאַקט פֿון דעם יידישן סטודענט מיטן יידישן לעבן, וואָס איז לכתחילה געווען אַ גע־

ו ו י י ט ע ר זונטער און פאַרוואַרצלטער, זאָל נישט נאָר אָנגעהאַלטן ייערן, ווען זיי די יידישע סטודענטן, וועלן האָבן דורכגעמאַכט די יאָרן פון זייער אַקאַדעמיש־פאַכלעכער אויסביל־דונג אין די „אולאַס" פון די נישט יידישע הויכשולן, נאָר אַז ער זאָל שפּעטער געבן פּרוכט, אין דער פאָרם פון דער אַנטשטיי־אונג פון נייע קאַדרן פון פּראָפעסיאָנעלער יידישער אינטעלי־גענץ.

— 2 —

לאָמיר זיך איצט אומקערן צו אונדזער יידיש־מעקסיקאַנער ווידקלעכקייט, ווי אַנדערש, איך וואָלט כמעט געזאָגט: ווי טראַ־גיש אַנדערש איז דאָס בילד פון דער סביבה, אין וועלכער עס איז אויפגעוואַקסן דער איצטיקער ה י ג ע ר יידישער אוּ־ניווערזיטעט־סטודענט!

אויסגעוואַקסן אין היימען, ווו די יידישע שפּראַך איז נישט נאָר, וואָס זי האָט נישט דאָמינירט, נאָר איז ממש פאַרשטויסן געוואָרן, און ווו יידיש לעבן און יידישע פּראָבלעמען זענען, ווייניקסטנס, אין ז י י ן אָנוועזנהייט נישט דיסקוטירט געוואָרן, — איז ער אַריינגעטראָטן אין דער מעקסיקאַנישער אַקאַדעמישער וועלט, באַוואָפנט בלויז מיט יענעם יידישן קול־טור־באַגאַזש, וואָס די באַגרעניצטע מעגלעכקייטן פון היגע יידישע שולן, אַרבעטנדיק א ן דער קאָאָפּעראַציע פון דער יידישער היים, האָבן אים געקענט מיטגעבן אויף זיין לעבענ־וועג — אויב ער האָט אין אַזאַ מין שול געהאַט געלערנט; אויב אָבער ער האָט אין אַ יידישער שול בכלל נישט געהאַט געלערנט — און דער פּראָצענט פון אַזעלכע סטודענטן איז גאָר נישט קיין קליינער — קומט ער, וואָס שייך קולטורעלן היינ־

טערגרונט, פון א מין „קיינעמס לאנד": אין מעקסיקעס קולטור ווייט, ווייט נישט פארוואָרצלט, און וואָס שייך די קולטור פון זיין אייגענעם פאָלק, אַ פולשטענדיקער „איגנאָראַמוס".

דער דורכשניטלעכער היגער יידישער סטודענט (פון בכבור־דיקע אויסנאַמען איז דאָ נישט די רייד) שטייט אין גאַנצן אָן אַ זייט פון היגן יידישן לעבן (און פון יידיש לעבן בכלל). נאַ־טירלעך נעמט ער אָנטייל אין די יום טובדיקע סעודות, וואָס ס'ווערן ביי פאַסיקע געלעגנהייטן צוגעגרייט אין יידישע היימען, אָבער אויסערהאַלב די גרעניצן פון „גאַסטראָנאָמישער" יידיש־קייט לאָזט זיך זיין אָנוועזנהייט אין היגן יידישן לעבן און אין דער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט גאָר ווייניק פילן. זיי־נע קאָנקרעטע לייסטונגען אויף אָט דעם געביט זענען נול.

איז עס זיין שולד, וואָס די לאַגע איז אַזאַ?

גאַנץ באַשטימט: ניין! ער, דער היגער יידישער אוניווער־זיטעט־סטודענט איז בלויז דער רעזולטאַט פון אַ נעגאַטיוון פאַר־רעמונג־פּראָצעס, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין היגע היימען וואָס שייך דער אויסבילדונג פון יידישן באַוווסטזיין און יידיש־קייט־באַגריפן אין דער יוגנט, אין די לעצטע צען־פופצן יאָר, און וואָס ס'איז ענג פאַרבונדן מיט דעם פּראָצעס פון עקאָנאָ־מישן באַרג־אַרויף און מיט דעם „וישמן ישורון ויבעט", ווי זיין באַגלייט־דערשיינונג.

האָט די היגע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט ביז איצט דער־פילט איר פליכט בנוגע דער היגער יידישער סטודענטשאַפט?

נישט נאָר האָט זי עס נישט געטאָן אויף דעם אויבן באַ־שריבענעם וואַרשעווער פאַרנעם; זי האָט עס בכלל נישט געטאָן.

פון שטאַנדפּונקט פון זיינע פּאָטענצן, ווי אַ צוקונפטיקער

אקטיוויסט אין היגן יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן, איז דער היגער יידישער סטודענט איבערגעלאָזן געוואָרן אויף גאָטס באַראָט. נישט די היגע געזעלשאפטלעכקייט איז פאַראינטערעסירט אין אים, נישט ער ווייזט אַרויס וועלכן ס'איז אינטערעס צום ה י ג ן י י ד י ש ן ל ע ב ן. זיי זענען ביידע אַזוי ווי צוויי פּאַראַלעלע ליניעס, וואָס טרעפן זיך ערגעץ אין דער אומענדלעכקייט...

דאַרף עס אָבער אַזוי זיין? מ ו ז עס טאַקע אַזוי זיין?

די היגע יידישע סטודענטשאַפט האָט דאָך געקענט זיין אַ רעזערוואַר פון קולטורעלע כוחות פאַר אונדזער היגן יידישן לעבן; איינע פון די זיכערסטע גאַראַנטיעס פון גייסטיק־י י ד י ש ן המשך אין אונדזער ישוב.

און איז דען איצט צו שפּעט צו פאַרוואַנדלען אונדזערע היגע סטודענטן־יידן אין י י ד י ש ע סטודענטן, מיט אַלץ וואָס דאָס באַדייט און וואָס קען ברענגען אונזער קיבוץ גייסטיקע מזל ברכה?

ס'איז נ י ש ט צו שפּעט.

די, וועמענס פליכט ס'איז צו שטיין אויף דער וואַך פון היגן יידישן קולטור־לעבן, דאַרפן בלויז האָבן דעם מוט זיך אַליין צו זאָגן „חטאתי". ווען עס וועט אונדז אַלעמען קלאָר ווערן, אַז דער ענין יידישע סטודענטנשאַפט אין מעקסיקע איז ביז איצט פולשטענדיק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, וועלן מיר קענען זיך פאַרטראַכטן וועגן מיטלען צו ל י י ז ן אָט די פּראָבלעם.

אַז עס איז אַ שווערע פּראָבלעם, בין איך דער ערשטער צו אָנערקענען. אָבער אַזוי לאַנג ווי עס איז נישט קיין דילעמע, ק ע ן געפינען ווערן אַ לייזונג. וויכטיק איז, ראשית

בל, אַז מיר זאָלן זיך ענדלעך אויפכאַפּן פון אונדזער ביז איצטיקן לעטאַרגישן שלאָף בנוגע אָט דער פראַגע, און אָנער־ קענען, אַז ס'איז ד אָ אַ פּראָבלעם, אַ שווערע און קאָמ־ פּליצירטע, וואָס מיר האָבן ביז איצט פאַרזען. און וואָס הייסט: די מעקסיקאַנער יידישע סטודענטשאַפט.

דריטער בריוו

נויטיק און אדרעס

זייער חשובע פריינט!

ביי יעדער געזעלשאפטלעכער איניציאטיווע איז איינע פון די פארבאדינגונגען פון איר דערפאלג דאס נישט דערלאזן צו קיין אומקלארקייטן וועגן דעם מי ומי ההולכים. איידער עס ווערן אנגענומען וועלכע ס׳איז שריט אין דער ריכטונג פון איר רעאליזירונג, מוז קלאר פארשטאנען ווערן ווער וועט זיין איר אביעקט, צו וועמען זאל זי אנגעווענדעט ווערן, ווער זאל אין סך־הכל פון איר געניסן.

אין אונדזער קאנקרעטן פאל רעדן מיר וועגן אונדזער היי־גער יידישער סטודענטשאפט. איז נויטיק איצט, ווען איך האב שוין, אין א פריערדיקן „בריוו", וועגן איר גערעדט אין אל־געמיין, אז איך זאל קלאר דעפינירן ווער איז, וואס שייך דעם ציל, וואס איך וויל דערגרייכן מיט מיינע „בריוו", א סטודענט.
דאס איז באזונדערס נויטיק צוליב דעם, וואס מ׳זאגט דאהי ארום מיט איין אטעם: „עסטודיאנטע דעל פאליטעקניקא", „עס־טודיאנטע דע לא פרעפאראטאריא" און „עסטודיאנטע דע לא אוניווערסידאד".

פון שטאנדפונקט פון דעם, וואָס איך באצוועק, זענען סטודענטן בלויז די, וואָס זענען ווי אַזעלכע באטראכט געוואָרן אין דער אַלטער היים, דאָס הייט נאָר יענע שטודירנדיקע, וואָס שטודירן טאקע פשוטו כמשמעו אין אוניווערזיטעט אָדער אין אַן אַנדער הויך־שול, וואָס אַהין אריינצוטרעטן דאַרף מען האָבן געענדיקט די „פּרעפּאַראַטאָריאַ".

איך האַלט אַזוי דערפאַר, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז צו פאַרוואַנדלען סטודענטן־יידן אין יידישע סטודענטן איז לייכטער, ווען מ'האָט צו טאָן מיט אַ רייפערן און אויך, בכלל, ערנסטערן עלעמענט. דער אוניווערזיטעט־סטודענט, אין פאַרגלייך צום תלמיד פון „פּרעפּאַראַטאָריאַ", איז עס.

איצט שטעלט זיך די קאָנקרעטע פראַגע:

וויפל זענען זיי דען די היגע יידישע יונגע לייט, וואָס זענען אוניווערזיטעט־סטודענטן.

די דאַטן, וואָס איך וועל דאָ באַלד ברענגען, פאַרדאַנק איך דער ליבנס־ווירדיקייט פון מיין פריינט טוביה מייזעל, דעם באקאַנטן סאָציאַל־סטאַטיסטיקער, זיי זענען גענומען פון זיין ארבעט וועגן מעקסיקאַנער ישוב, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר דעם „אַמעריקע"־באַנד פון דער „אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע".

יידישע אוניווערזיטעט־סטודענטן (נישט אריינרעכנענדיק די יוגנטלעכע, וואָס לערנען זיך אין די פאַרשידענע „פּרעפּאַראַטאָריעס") זענען דאָהי געווען אין יאָר 1952 דריי הונדערט פינף און צוואַנציק. פון זיי זענען צוויי הונדערט און פופציק אשכנזים און פינף און זיבעציק ספרדים.

דאָס איז גאָר אַ באַדייטנדיקע צאָל, און ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז זי טראָגט אין זיך גרויסע פּאָטענצן וואָס שייך

דעם זיכער מאַכן, אַז ס'זאָל דאָ אַנטשטיין אַ יידיש געזונטע און יידיש באַוווסטזיניקע יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אַ גאַראַנטיע, אַז די שטרעמונג פון דעם אימיגראַנטישן דור צו גייסטיקן המשך, וועט דערפילט ווערן.

דאָס איז אָבער דערווייל נישט מער ווי פּאָטענציעל. כדי אונדזער חלום וועגן גייסטיקן המשך אינם יידישן מעקסיקע זאָל טאַקע מקוים ווערן, מוז אָט דער מענטשן־מאַטעריאַל גע־פורעמט ווערן.

ווי קען אָבער דער פּראָצעס פון פורעמען אָט די סטודענט־שאַפט און פון אויספורעמען פון אירע בעסטע עלעמענטן אַן אויסגעשפּראָכן יידישע סטודענטשאַפט, דורכגעפירט ווערן?

איך זאָג די בעסטע עלעמענטן, ווייל איך מאַך זיך גאָר־נישט קיין אילוזיעס, אַז אַלע סטודענטן ־ יידן וועלן קענען אי־בער־געפורעמט ווערן צו זיין שפּעטער יידישע אינטעליגענטן. געוויס זענען דאָ אין אונדזער סטודענטשאַפט עלעמענטן, וואָס וועלן, צוליב אַ גאַנצער רייע סיבות (וואָס צווישן זיי איז די סאָציאַל־און נאַציאָנאַל־אינדיפערענטע אַטמאָספערע פון זייערע היימען, נישט די לעצטע) נישט קענען באַווירקט ווערן. זיי זע־נען אָבער, גליקלעכערווייז, אַ מינדערהייט.

די פראַגע, וואָס שטעלט זיך, איז: ווי קומט מען צו זיי אַלע צו? ס'איז דאָך ראשית כל נויטיק אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט אונדזער אוניווערזיטעט־יוגנט, זיך שטעלן מיט איר אין פאַרבינדונג, כדי צו קענען, וואָס שייך איר, שטיין אויף אַ באָדן פון קאָנקרעטער ווירקלעכקייט.

אַזוי אַרום קומען מיר צו דער ערשטער פּראַקטישער אויפ־גאַבע: אויסצופאָרשן אין די פאַרשידענע אוניווערזיטעט־פאַ־קולטעטן, ווי אויך אין די אַנדערע הויכשולן מיט אַן אוני־

ווערזיטעט־ניוואָ׳ די צאָל פון די יידישע סטודענטן דאָרט, און באַקומען די נויטיקע ראַטן וועגן יעדן איינעם פון זיי.

ווען מ׳וועט שוין האָבן די נויטיקסטע ידיעות אין אָט דער הינזיכט, וועט קומען דער צווייטער עטאַפּ פון דער אַר־בעט. ס׳וועט נויטיק זיין אָנצוהויבן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן אָט די סטודענטן, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן, ווי יידישע סטודענטן. דאָס וועט דאַרפן געטאָן ווערן, ווו מעגלעך אינ־דיווידועל, און אויך דורך שריפטלעכע צירקולאַרן. עס וועלן אויך דאַרפן איינגעאָרדנט ווערן, צוזאַמען מיט גוט פּלאַניר־טע, באמת צוציענדיקע קאָנצערט־טיילן, פּאָרלעזונגען פון היגע יידישע אינטעלעקטואַלן וואָס, באַזיצנדיק אַליין אוניווערזיטעט־בילדונג, וועלן זיי לייכטער געפינען די שפּראַך, אַזוי צו זאָגן ווי אויך דעם צוגאַנג בכלל, וואָס שייך אוניווערזיטעט־יוגנט. אַזעל־כע פּאָרלעזונגען וועלן דאַרפן באַצוועקן דאָס אויפוועקן ביי די סטודענטן דאָס באַוווסטזיין, אַז ווי יידישע סטודענטן, האָבן זיי ספּעציפישע גייסטיקע אינטערעסן. גלייכצייטיק וועט דורך אַזעל־כע פּאָרלעזונגען דאַרפן געשאַפן ווערן אין זיי אַ פאַרשטענדע־ניש. אַז אָט די ספּעציפישע גייסטיקע אינטערעסן וועלן אַמבעסטן קענען באַפרידיקט ווערן, ווען זיי, די יידישע סטודענטן, וועלן זיין אָרגאַניזירט אין אַן אייגענער אויטאָנאָמער פאַראייניקונג.

דער ענד־ציל פון דער אויבנדערמאָנטער פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך פון אָט די קאָנצערטן־פּאָרלעזונגען, דאַרף זיין די באַ־שאַפונג פון אַ „פאַראייניקונג פון דער יידישער סטודענטשאַפט אין מעקסיקע"; פון אַ יידישן סטודענטן־פאַריין, ווי דאָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך און אַזוי נאָרמאַל אין אונדזערע אַל־טע היימען אין איראָפּע, און וואָס איז זינט אַ סך יאָרן אַזוי פאַרוואָרצלט אין די אוניווערזיטעטן אין די פאַראייניקטע־שטאַטן,

אין דער פאָרם פון דער „הלל־פאונדיישאָן", וואָס איז, נאַטיר־לעך, צוגעפּאַסט צו די כאַראַקטעריסטישע באַדינגונגען פון דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

אויב מיר ווילן צוקומען צו אונדזער יוגנט, מוזן מיר, ווי אַ פּאָרבאַדינג, איר אָרגאַניזירן, אָדער, בעסער געזאָגט, איר העלפן זיך צו אָרגאַניזירן, ווי אויך העלפן איר, שפּעטער, אָנ־צוהאַלטן דעם אינטערעס אין איר אייגענער אָרגאַניזאַציע.

אין איצטיקן מאָמענט איז די היגע יידישע אוניווערזיטעט־יוגנט ווייט פון יידישן לעבן. אין דער הינזיככט פון יידישער פּאַראינטערעסירטקייט זי צו גאַלוואַניזירן, אַקטיוויזירן און צו מאַכן דינאַמיש, — דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דער אינטעלי־גענץ און פון די קולטור־טוער פון אימיגראַנטישן דור.

דער געבאָט פון דער שעה איז דעריבער אין אָט דער הינ־זיכט: דערגרייכן די באַשאַפונג און אויפהאַלטונג פון אַ „פּאַר־אייניקונג פון דער יידישער סטודענטשאַפט אין מעקסיקע".

פערטער בריוו

שפּראַך — נישט קיין פּעטיש

זייער חשובע פריינט!

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אויף אַ ווייל, אַז איר האָט גענומען אין באַטראַכט דעם קאָנקרעטן פאָרשלאַג, וואָס איך האָב געמאַכט אין מיין פאָריקן „בריוו" וועגן גרינדן דאָהי אַ „פאַראייניקונג פון יידישע סטודענטן אין מעקסיקע", און אַז איר זענט אויך גרייט דורכצופירן די נויטיקע צוגרייטונג־אַרבעט, וואָס איך האָב אָנגעוויזן.

איז אויב מיר געפינען זיך שוין אויפן קאָנקרעטן באָדן פון ערב אַנטשטייאונג פון אַ יידישן סטודענטן־פאַראיין אין מעקסיקע, איז די ריכטיקע צייט מיר זאָלן זיך דורכרעדן אָפן און קלאָר וועגן איינער פון די קאַרדינאַלסטע פראַגן, וואָס זענען מיט זיין גרינדונג און עקזיסטענץ פאַרבונדן:

וואָס זאָל זיין די ש פּ ר אַ ך פון דער יידישער סטודענטן־פאַרייניקונג, וואָס דאַרף געבוירן ווערן?

כדי דער ענטפער זאָל זיין אַ לאָגישער און במילא דער ריכטיקער, איז נויטיק צו רעדן אַזוי קלאָר, ווי נאָר מעגלעך, און „גאָרנישט איבערלאָזן אין טינטער".

עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז מיר, די מזרח־אייראָפּעישע היגע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גרויסן גייסטיקן באַגאַזש: די מאָדערנע יידישע קולטור, און, ווי איר אויסדרוק ־ מיטל, י י ד י ש, — זאָלן מיר אויך דאָ, אין דעם נייעם לאַנד, האָבן ווייטער געצויגן דעם גאָלדע־נעם פֿאָדים פֿון מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט, מיט דער יידי־שער שפּראַך, ווי איר אינסטרומענט „פּאַר עקסצעלאַנס".

מיר האָבן ליב יידיש בלב ונפש, און די פֿאַרצווייגטע יידי־שע ליטעראַטור, אין ברייטסטן זין פֿון וואָרט, איז אַן אָרגאַ־נישער טייל פֿון גייסטיקן „איך" פֿון יעדן איינעם פֿון אונדז. ווי זיס וואָלט דעריבער געווען דער חלום, אַז דער נייער דור היגע יידן, באַזונדערם די יידישע אינטעליגענץ, וואָס וועט זיך דאָ אין די נאָענטסטע יאָרן אויספּיקן, וועט אין אָט דער היג־זיכט אויך זיין אַזוי איינגעשטעלט, ווי מיר זענען עס; אַז יידיש און דער גאַנצער קולטור־קרייז, וואָס „יידיש" נעמט אין זיך אַריין און דריקט אוים, זאָל זיין אויך אירם אַ גייסטיקער באַשטאַנד־טייל.

איז דאָס אָבער, צו אונדזער טיפֿן באַדויערן נישט מער ווי אַ ח ל ו ם׳ און וואָס זיסער אַ חלום איז, אַלץ ביי־טערער איז דאָס אומפֿאַרמיידלעכע אויפֿוואַכן צו דער האַר־טער ווירקלעכקייט. טאָ לאָמיר דערפֿאַר לכתחילה זיך נישט אַרומטראָגן מיט קיין נישט־רעאַליזירבאַרע אילוזיעס, וואָס, ווי אַזעלכע, פֿאַרוואַנדלען זיי אונדזערע חלומות אין פּ ו ס ט ע חלומות.

דער אמת איז דאָך, אַז צוליב אַ גאַנצער רייע אָביעקטיווע סיבות וואָס נישט דאָ איז דער פּלאַץ זיי ווידער אַ מאָל אַרויס־צוברענגען, מוזן מיר, די אינטעליגענץ פֿון דעם ערשטן, אי־

מיגראַנטישן דור, שטיין מאַכטלאָז פאַרן פאַקט, אַז דער ווייט גרעסטער טייל פון די היגע צוויי הונדערט און פופציק אשכנ־זישע אוניווערזיטעט ־ סטודענטן (פון די פינף און זיבעציק ספרדישע איז דאָך בכלל ניטאָ וואָס צו רעדן) איז אַזוי ווייט פון פאַרווירקלעכן אונדזער ווונטש וועגן יידיש־המשך, ווי הימל איז ווייט פון דער ערד.

נישט נאָר איז כמעט אונדזער גאַנצע אַשכנזישע סטודענט־שאַפט ווייט פון יידיש; זי איז אויך פּונקט אַזוי ווייט פון יידישע גייסטיקע ווערטן, סיי פון די, וואָס זענען אויסגעדריקט אין יידיש, און סיי פון די, וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין עברית. זי איז, מיט ווייניקע אויסנאַמען, אויך ווייט פון יידי־שע גייסטיקע ווערטן, וואָס זענען אויסגעדריקט אין שפּאַניש אָדער אין וועלכער ס'איז אַנדער שפּראַך.

דער ווייט גרעסטער טייל פון אונדזער יידישער סטודענט־שאַפט איז (צוליב סיבות, וואָס ס'איז נישט נויטיק זיי דאָ ווי־דער אַ מאָל אויסצורעכענען) אויסגעטאָן נישט נאָר פון י י ד י ש ע גייסטיקע ווערטן, נאָר אויך פון גייסטיקע ווערטן בכלל.

אויב מיר ווילן נישט שפּילן קיין שטרויס־פּאָליטיק, דאַרפן מיר' זיך אַליין זאָגן, אַז אויב עס וועט אויף אונדזער יידישער סטודענטשאַפט נישט אויסגעאיבט ווערן אַן איינפלוס און אַ פּריינטלעכער דרוק, אין דעם זין, אַז זי זאָל זיך אָרגאַניזירן און אין די ראַמען פון אַן אייגענער אָרגאַניזאַציע, מיט דער אַקטיווער, דינאַמישער הילף מצד דער יידישער אינטעליגענץ פון דעם ע ר ש ט ן דור, — איז דאָ אַ גאַנץ ערנסטע געפאַר, אַז עס וועט פון דער ווייט גרעסטער מערהייט פון אונדזער היגע יידישע אוניווערזיטעט־סטודענטן אויסוואַקסן אַ

גרופּע קולטורלאָזע פּראָפעסיאָנאַלן מיט אוניווערזיטעט־דיפּלאָ־מען.

אַז אָט די געפאַר באַשטייט, ווערט קלאָר באַוויזן דורך דעם פאַקט, אַז אויף די צוויי אוניווערזיטעט־פאַקולטעטן, וואָס גע־ווינלעך שטעלן זיי צו די צאָלרייכע קאַדרען פון יידישער אינ־טעליגענץ מיט העכערער בילדונג: דער פילאָזאָפישער און דער יורידישער, קען מען די יידישע סטודענטן אָנציילן מיט די פינגער פון איין האַנט. פונקט אַזוי נישטיק איז אויך די צאָל פון יידישע סטודענטן אין די העכערע אַקאַדעמישע קורסן, וואָס בילדן אויס לערער פאַר מיטלשולן (כאָטש דער אידעאַל פון אונדזערע היגע חינוך־אינסטיטוציעס איז, אַז אין זייערע מיטל־שולן זאָלן די לערער זיין י י ד ן, און זיי וואָלטן אויפ־גענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס).

אונדזערע היגע יידישע אוניווערזיטעט־סטודענטן האָבן זיך קאָנצענטרירט גראָד אין יענע פאַקולטעטן, וואָס האָבן מער צו טאָן מיט ספּעציאַליזירונג אין פּראָפעסיעס, וואָס האָבן נ י ש ט קיין סך צו טאָן מיט ג י י ס ט י ק ע ר זוכעניש און פאַרפיינערונג. איר געפינט זיי אין די פאַקולטעטן פון מעדי־צין (די גרעסטע צאָל), אינזשעניריע מיט אירע פאַרשידענע צווייגן, און אויך אויף דעם כעמישן פאַקולטעט.

ווען מיר נעמען אָט ד ע ם פאַקט אין באַטראַכט, ווערט אונדז נאָך קלאָרער די נויטווענדיקייט, אַז די יידישע אינטעליגענץ מיט דעם מזרח־אייראָפּעישן יידישן קולטורעלן הינטערגרונט, זאָל מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו באַ־ווירקן קולטורעל אונדזערע יידישע סטודענטן, אין די ראַמען פון זייער אַן אייגענער אָרגאַניזאַציע, וווּ מען זאָל קענען מיט דער סטודענטשאַפט שטיין אין אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט.

אַנטוויקלען אַ קולטוריזאַציע (נישט קולטור)־טעטיקייט, ווייל

אין אָט די ראַמען וועט דאַן אין אָנהויב אויסקומען צו אַנטוויקלען אַ קולטוריזאַציע — (נישט קולטור)־טעטיקייט, ווייל ראשית כל וועט מען דאַרפן דערוועקן ביי דער מיטגלידערשאַפט פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע גייסטיקע אומרו און אַ גייסטיקן הונ־גער בכלל. ערשט נאָכדעם ווי אָט דער פּרעלימינאַרער צוועק וועט שוין זיין דערגרייכט, וועט מען קענען צוטרעטן צו דער דערגרייכונג פון די אייגנטלעכע ספּעציפישע צוועקן, צוליב וועלכע די „סטודענטן־פאַראייניקונג״ איז באַשאַפן געוואָרן, און וועלכע זענען: ערשטנס, דערנענטערן די מיטגלידערשאַפט צום יידישן לעבן דאָהי און אויף דער גאַנצער וועלט, און, צווייטנס פאַרטיפן איר יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, וואָס זאָל זיין פאַרוואָרצלט אין דער מזרח־איראָפּעישער יידישער קולטור־וועלט נישט ווייניקער ווי אין דער קולטור, וואָס שטראַלט אויס פון ישראל.

ווי זאָל דאָס אַלץ געטאָן ווערן? בעסער געזאָגט, אין אָנ־בליק פון דער קאָנקרעטער סיטואַציע, אויף וועלכער שפּראַך זאָל די אַרבעט מיט דער סטודענטשאַפט געפירט ווערן?

פון וועלכן שטאַנדפּונקט מיר זאָלן אָט די פּראָבלעם נישט באַטראַכטן, — איז, אויב מיר געהערן נאָר נישט צו יענע מין פאַנאַטיקער, וואָס ווען זיי ווערן געשטעלט פּנים לפּנים מיט פאַקטן, לאַכן זיי זיך אויס, זאָגנדיק: „אויב דאָס זענען די פאַקטן, איז טאַקע זייער שלעכט, ביטער... פאַר די פאַקטן״; אויב מיר ווילן צו די פאַנאַטיקער, וואָס שפּראַך איז ביי זיי אַ פעטיש און דער רעשט אַרט זיי נישט, זיך נישט צורעכנען, — דאַן מוזן מיר געבן דעם איינציקן מעגלעכן, דעם איינציקן לאָגישן ענטפער:

די שפּראַך, אויף וועלכער די קולטור־אַרבעט אין דער „פּאַראייניקונג פון דער יידישער סטודענטנשאַפט אין מעקסיקע" דאַרף געפירט ווערן, איז שפּאַניש.

ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיט דער צייט זאָל אונדז געלינגען צו דערוועקן, ווייניקסטנס אין דעם אשכנזישן טייל פון איר מיטגלידערשאַפט — דורך אונדזער קולטור־אַרבעט אויף שפּאַניש, אַ גענוג טיפן אינטערעס פאַר דער יידישער קולטור־ספערע, וואָס יידיש איז איר אויסדרוק, און במילא אויך צו יידיש, און אַ באַגער צו לערנען די שפּראַך. איז דאָס אַ ווייטערער ציל.

דערווייל, אויב עס זאָל טאַקע האַלטן ביים רעאַליזירן די אידייע וועגן אָרגאַניזירן יידישע סטודענטן אין אַ פאַריין — לאָמיר רעדן צו זיי אויף דער שפּראַך וואָס דורך איר קענען מיר בכלל צו זיי צוקומען. זאָל שפּראַך־פעטישיזם נישט זיין קיין שטער דורכצופירן אָט די וויכטיקע אויפגאַבע.

פינפטער בריוו

צוריקבליק און פערספעקטיוון

זייער חשובע פריינט!

פונקט אזוי ווי מיר האָבן אין אַ פריערדיקן „בריוו” געווענדעט די אויגן צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק, לאָמיר איצט ווענדן אונדזער בליק צו אַ פאַרהעלטניסמעסיק נאָנטער צוקונפט, צו אַ צוויי צענדליק יאָר שפּעטער.

אין אַ צוואַנציק יאָר אַרום וועט אונדזער איצטיקער, אימיגראַנטישער דור דאָ אין מעקסיקע, דער, וואָס זיין עלטער דרייט זיך איצט אַרום די פופציקער, מיט „אַן אויג” צו די זעכציקער, — שוין פּאַקטיש זיין ליקווידירט. נישט חלילה אין פיזישן זין (כאָטש נישט איינער פון אונדז וועט שוין דאַן זיין „איינגעזאַמלט צו זיין פאָלק”), נאָר אין זין פון באַדייטונג, ווי אַ געזעלשאַפטלעך־דינאַמישער עלעמענט. מיר וועלן שוין, אין אַלגעמיין, קיין געזעלשאַפטלעך־באַווירקנדיקע ראָלע נישט שפּילן, און אונדזער באַדייטונג, ווי אַ שעפערישער פאַקטאָר אין דעם היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועט זיין אַזוי גוט ווי זעראָ.

אָבער דער יידישער ישוב וועט דאָך אויך אָן אונדז זיין. און ער וועט האָבן אַ געוויסע פיזיאָנאָמיע. זי וועט זיך ביסלעכווייז אויספורעמען, לויט די אימפּעראַטיוון, וואָס די נאָנטסטע יאָרן וועלן דיקטירן.

איז ווער עס הערט די „אונטערערדישע דונערן", וואָס ס'דערטראָגן זיך פון די טיפענישן פון אונדזער איצטיקער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור צו דער אויבערפלאַך, און וויל זיך נישט פארשטאָפּן די אויערן און פארמאַכן די אויגן בנוגע דער ווירקלעכקייט, — דער קען שוין איצט באַהויפּטן, אַז אונדזער ישוב, אין זיין וועזנטלעכן טייל, טרעט איצט אריין אין אַ פּראָצעס פון שטופענווייזער, — פארהעלטניסמעסיקער פאראָרעמונג און סאָציאַלער דיפערענצירונג. דער פאַלשער גלאַנץ פון כלומרשטער אַלגעמיינער יידישער רייכקייט, אָדער, ווייניקסטנס, פארמעגלעכקייט דאָהי, הייבט זיך אָן אָפּצוטאָן פון היגן ישוב.

גאָר אַ באַדייטנדיקער טייל, אויב נישט דער גרעסטער, פון די מעקסיקאַנער יידן, ווערט וואָס אַ מאָל מער געצוווּנגען אָפּצוּוואַרפן די פאָרמולע פון „קניפּ די באַקן, די פארב זאָל שטיין", ווי אַ לייזונג צו זיינע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען (וואָס ווערן אָפט דילעמען). מען וועט אַלץ מער געצוווּנגען זיין צו אָנערקענען, אַז פּאַליאַטיוון, דאָס הייסט מיטלען האַלבע, צייט-ווייליקע, וואָס, אין תוך, זענען זיי נישט מער ווי „טרישקין קאַפטאַן"-לייזונגען פון פאַטאַל-אומפארמיידלעכע סיטואַציעס, זענען בכלל קיין לייזונגען נישט.

עס וועט נישט דויערן גאָר לאַנג ביז דער גרעסטער טייל פון אונדזערע היגע יידן, וואָס האָבן אין זייער „פירן שטאַט" זיך פארגאַלאָפּירט, וועט איינזען, אַז עס קען אַזוי ווייטער נישט

גיין, און אז דאָס אָנהאַלטן דעם אויסערלעכן גלאַנץ פון אַ צעפּרעסענער עקאָנאָמיק, מוז פירן עד שאול תחתיה.

מ'דאַרף באמת זיין בלינד און טויב נישט צו באַמערקן די ריסן און נישט צו דערהערן די קראַכן פון דעם אויף פול־שטענדיק פאַלשע יסודות אויפגעבויטן עקאָנאָמישן „וווילזיין" פון גאָר, גאָר אַ סך היגע יידישע פאַמיליעס. ס'איז דערפאַר נישט שווער פאָרויסצוזאָגן, אַז זיי וועלן אַלע מוזן אַראָפּני־דערן פון זייער איצטיקן, לויט זייערע אמתע טעגלעכקייטן, אומזיניק הויכן לעבנס — סטאַנדאַרד, און, דורכגייענדיק דורך אַ סך יסורים, זיך אַריינלעבן אין אַ סך אַ נידעריקערן.

דער פּראָצעס, וואָס, לויט ווי אַלע זיינע אָביעקטיווע פאַק־טאָרן ווייזן אָן, וועט ער אָנגיין במשך פון דעם נאָנטסטן יאָר־צענדליק, האָט גאָר אַ סך צו טאָן מיט אונדזער אייגנטלעכער טעמע. ער וועט דערמעגלעכן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דעם אויפקומען פון אַ יוגנט, וואָס, האָבנדיק אויסגעוואַקסן אין אַ סך ערנסטערע באַדינגונגען (לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז „עקאָנאָמיק מאַכט די „פּסיכיק" איז נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן אָפּגעלייקנט), וועט זי זיין מער אויפנאַמס־פעיק בנוגע גייס־טיקע ווערטן, און וועט זיין מער צוגעפּאַסט צו פירן אַ לעבן, אין וועלכן „דער קלאַנג פון גאָלד" וועט נישט זיין „גאָטס שטים", און „דער רויש פון פּאָקער" וועט נישט באַדייטן די העראַלדיק פון אַריסטאָקראַטיע.

אָט יענער דור, וואָס וועט זיך באַווייזן אין אַ יאָר צענד־ליק אַרום, וועט עס זיין דער ערשטער מעקסיקאַניש־יידישער דור, וואָס וועט, עקאָנאָמיש און סאָציאַל, אָטעמען אַ נאָרמאַלע לופט. נאָכדעם ווי די עלטערן וועלן האָבן דורכגעמאַכט דעם ווייטיקלעכן „באַרג אַראָפּ"־פּראָצעס, און וועלן זיך האָבן צו־

געפּאַסט צו אָרעמערע, איינפאַכערע לעבנס־באַדינגונגען, וועלן די זיין און טעכטער זיין אויף אַ נאַטירלעכן אופן מער מסוגל אויפצונעמען דאָס לעבן מיט אַן ערנסטערן צוגאַנג: נישט ווי אַ בלויזן געניס, נאָר, הויפּטזאַכלעך, ווי אַ קייט פון פליכט־דערפילונגען.

אָבער כדי אָט דאָס אַלץ זאָל פירן, אין לעצטן סך־הכל, צו אַ גייסטיקן באַרג אַרויף, און דער פּאָופּעריזירונג־פּראָצעס זאָל אַ מאָל נישט ווערן קיין פאַקטאָר, וואָס זאָל ביישטראָגן צו פאַר־וואַנדלען אונדזער ישוב אין אַ מין בערגעלסאָנס „פאַרגרעבטע שטאָט", איז וויכטיק, אַז גלייכצייטיק זאָל אויף דער וואָך שטיין אַ פליכט־באַוווסטזיניקע און קלאָר אָריענטירטע היגע יידישע אינטעליגענץ. און דאָ קומען מיר ווידער אַ מאָל צו צו דער ברענענדיקער נויטווענדיקייט צו שאַפן איצט אַ „פאַראיי־ניקונג פון דער מעקסיקאַנער יידישער סטודענטשאַפט".

צי מיר ווילן עס יאָ, צי מיר ווילן עס נישט, בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז אונדזער דור וועט אין אַ וואָס פאַר אַ צען יאָר אַרום שוין אָנהויבן, געזעלשאַפטלעך — אָרגאַניזאַטאָריש, גע־הערן צו דער פאַרגאַנגענהייט. און אויב מיר ווילן אַריינקוקן „דורך אַ שליסל־לאָך" אין די צוקונפט און זיך מאַכן וועלכן ס'איז באַגריף וועגן דער ריכטונג, אין וועלכער ס'גייט די קו־מענדיקע היגע יידישע פירערשאַפט, לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויפן „ספּאָרט־צענטער", מיט זיין, צו די רייפע יאָרן זיך שנעל דערנענטערנדיקער אָנפירערשאַפט. דאָס איז, אין אַלגעמיינע שטריכן, די ריכטונג.

קענען מיר אָבער בשום אופן נישט זיין צופרידן מיט אָט דער לאַגע, און ס'איז נאַטירלעך, אַז אונדזער דור, דער דור פון דער אימיגראַנטישער מזרח־אייראָפּעישער אינטעליגענץ

דאָהי, זאָל זוכן המשך, אונטער אַלע אומשטענדן און דורך יעדן לאָגיש־מעגלעכן אופן. ס׳איז נאַטירלעך, אַז מיר זאָלן וועלן אַריינטראָגן קאָרעקטיוון, באַדייטנדיקע אויסבעסערונגען אין אָט דער אַנטוויקלונג.

טאָ וואָס זשע בלייבט אונדז צו טאָן? וואָס קענען מיר טאָן?

מיר קענען צוגרייטן פאַר יענעם, איצט אונטערוואַקסנדיקן נייעם דור, אַ היגע יידישע אינטעליגענץ, וואָס זי זאָל, ווי שוין אויבן דערמאָנט, זיין פליכט־באַוווסטזיניק און קלאָר אָריענטירט וועגן אירע אויפגאַבן, ווי דער אָנפירנדיקער עלעמענט אין דעם גייסטיקן לעבן פון דעם מעקסיקאַנער יידישן ישוב.

די איצטיקע סטודענטן־יידן, וואָס ווייטער ווי פון אַ גוט באַצאָלטער פּראָפעסיע גייען נישט זייערע שטרעבונגען, און וואָס זייערע צילן פון פערזענלעכן אויסלעבן זיך, נישט אַנטהאַלטנדיק קיין שום געזעלשאַפטלעך־קאָנסטרוקטיוון עלעמענט, זענען זיי איינגעשרומפּן ביז צו דער „איך און מיינע שיך״־פאָרמולע, — דאַרפן, גייסטיק, גאַלוואַניזירט ווערן, ראשית כל דורך אַן אָרגאַניזירטן אויסלעבן זיך ווי יידישע סטודענטן, און דאַן, ווען אין זייער גייסט וועלן שוין זיין איינגעקריצט די צוויי גרונט־באַגריפן: „אַלץ, וואָס ס׳איז אָרגאַניש־יידיש, איז מיר ליב און טייער״ און „אַלץ, וואָס ס׳איז מענטשלעך פּראָגרעסיוו, איז מיר נאָענט צום האַרצן״, — וועלן אָט די סטודענטן, וואָס וועלן שוין דאַן זיין נישט בלויז סטודענטן־יידן, נאָר טאַקע יידישע סטודענטן, — ווערן דער עלעמענט, פון וועלכן ס׳וועט זיך אויספורעמען יענע יידישע אינטעליגענץ, וואָס וועט ווערט זיין און וועט זיין ביכלות אָנצופירן מיטן גייסטיקן, מיטן קולטור־לעבן פון דעם נייערן דור.

ווי אָט דאָס לעבן וועט, קאָנקרעט, אויסזען, וועגן דעם קען מען קיין נביאות נישט זאָגן; וואָס מען קען אָבער יאָ פאָרויס־זאָגן, איז, אַז עס וועט באַשטימט נישט זיין קיין געטרייע קאָפּיע פון אונדזער, דעם אימיגראַנטישן דורס, אָריגינאַל. מיר קענען עס אויך גאָרנישט פאַרלאַנגען. די אומשטענדן פון צייט און סביבה וועלן זיך שוין באַמיען צו געבן זיי דעם געהעריקן קאָלאָריט.

דאָס איינציקע, וואָס מיר זענען באַרעכטיקט צו פאַרלאַנגען, אין דעם זין פון נאַטירלעכן דראַנג נאָך המשך, איז, אַז די וויטערדיקע דורות אין דעם יידישן מעקסיקע זאָלן זיין יידיש און זאָלן זיך אויסלעבן קולטורעל.

איז אָט דאָס צו פאַרזיכערן, ווייניקסטנס, וואָס ס׳איז שייך די נאָענטסטע פאָר צענדליק יאָר, איז יאָ אין אונדזער מאַכט. דער ווירקזאַמער מיטל דאָס צו דערגרייכן, איז אויסצו־פורעמען אַ היגע יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל אי קענען אי וועלן נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון בויען יידיש לעבן, און פון בויען עס אויף יסודות פון יידישער קולטור, אין בריי־טסטען און טיפסטן זין פון וואָרט.

אַן אָרגאַניזירטע, גאַלוואַניזירטע, צו גייסטיקער אומרו דערוועקטע, צו טיפערן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין דערמונטערטע און צו מענטשלעך־פּראָגרעסיוון דענקען אינספּירירטע היגע יידישע סטודענטשאַפט, קען זיין אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דעם זיכער מאַכן דעם המשך, וואָס וועגן אים חלומען מיר.